ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

**ו' אב תשס"ה**

**פרשת דברים**

טייערע קינדער שלוחים,

עס שטייט אין מדרש אז אין צייט פון חורבן בית המקדש איז געווען אן אראבער וואס האט געהאט א קו. איין טאג האט זיין קו געקרעכצט. האט דער מענטש געזאגט "די בית המקדש – דעם הייליקן הויז פון ה' – איז חרוב געווארן", און ווען זיין קו האט געמאכט א צווייטן קרעכץ, האט ער געזאגט "משיח איז יעצט געבארן געווארן!" גלייך נאך די חורבן, האט דער אויבערשטער צוגעגרייט דעם ישועה. דער רבי שרייבט אז באמת איז- נאך פאר די חורבן, איז געווען די אנהויב פון גאולה, ווי מען ווייסט אז ניין חדשים פאר א קינד איז געבארן איז די קינד שוין "אויפן וועג".

קינדער עס שטייט אז אויף תשעה באב איז די יום הולדת פון משיח. דאס מיינט אז אויף דעם טאג איז פאראן א ספעציעלע כח צו ברענגען גאולה. געוויסע אידן האבן א מנהג תשעה באב נאכמיטאג צו רייניקן דעם שטוב זיך צוגרייטן אויף גאולה!! לאמיר מאכן גוטע החלטות בכדי צו מאכן דעם תשעה באב א טאג פון גאולה!!

איידלה וועכטער



## משיח נאו!

## הלכות בית הבחירה– #4

יעצט אין די צייט פון די דריי וואכן האט דער רבי געבעטן לערנען די הלכות וועגן דעם בית המקדש פון דעם רמב"ם. דא זיינען פאראן זיבן הלכות פון דעם בית המקדש. איר קענט לערנען איין יעדן טאג: פון שבת-ט' אב , ביז מאנטיק - " מנחם אב - דעם טאג נאך תשעה באב ווען די בית המקדש איז נאך געווען אין מיטן פארברענען.

פאר די כהנים האבן געטאן די עבודה, האבן זיי געוואשן זייערע הענט און פיס מיט וואסער פון די כיור.

די כהנים האבן געלייגט זייערע הענט אויפן פיס און געוואשן ביידע פיס און ביידע הענט אין די זעלבע צייט.

אין דעם כיור האט אלעמאל געדארפט זיין גענוג וואסער פאר פיר כהנים זיך צו וואשן.

מזל טוב צו אונזער עדיטור – שליח הרב זירקינד און זיין ווייב און משפחה אויף דעם געבורט פון אן אינגל!



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת דברים

### איכה אשא לבדי

אין היינטיקער פרשה ווערט דערציילט אז משה רבינו האט געהאט א טענה צום אויבערשטן **"איכה אשא לבדי"** - ווי איז מעגליך אז איך אליין זאל אנפירן דעם אידישן פאלק? וויבאלד דער אידישער פאלק איז אזוי גרויס - סיי אין צאל און סיי אין אנדערשקייט - ווי איז מעגלעך אז איין מענטש, אפילו א הייליקער מענטש ווי משה רבינו, זאל קענען אנפירן מיט אזא גרויסן פאלק?

האט דער אויבערשטער אים אנגעזאגט אז ער זאל נעמען צו זיך "שרי אלפים ושרי מאות גו'", און זיי וועלן העלפן משה רבינו אנפירן מיטן עם ישראל.

די הוראה פון דעם פאר יעדער אידן:

יעדער איד איז געגעבן געווארן א שליחות פון משה רבינו, צו אנפירן זיין אייגענעם לעבן לויט די אנווייזונגען פון תורה, און אויך צו איינווירקן אויף אנדערע אידן צו פירן זיך אין דעם זעלבן גייסט.

קען דאך א קליין אידיש קינד פרעגן **"איכה אשא לבדי"**? - ווי אזוי קען איך, זייענדיק א קליין קינד, דורכפירן אזא גרויסע שליחות?

נאך מער: א אידן איז געגעבן געווארן א שליחות אז ער דארף פריילעך מאכן דעם אויבערשטן, דורך מאכן די גאנצע וועלט א "דירה" (וואוינונגס ארט) פאר דער שכינה - **"ישמח ישראל כו' בשמחת ה' אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים"**.

טענה'ט א אידיש קינד: וואו האב איך די כוחות צו דורכפירן אזא שליחות?

לערנט אונז די תורה, אז דער אויבערשטער גיט יעדן אידן די כוחות אויף קענען דורכפירן זיין תפקיד און שליחות צו אנפירן מיט דעם אייגענעם לעבן און אויך מיט אלע וואס געפינען זיך ארום אים לויט דער דרך התורה.

וויבאלד יעדער איד באקומט די תורה אלס א ירושה פון משה רבינו, **"תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"**, דעריבער, ווען

*(המשך אין עמוד 2)*

# דעם אידישן לוח



## תשעה באב

קינדער, תשעה באב איז דעם שווערסטן טאג אין אונזער אידישע היסטאריע. אויף דעם טאג זיינען ביידע בתי מקדש פארברענט געווארן, און אסאך אנדערע צרות זיינען געשען צו אידן דורך די יארן.

תשעה באב איז א טאג פון פאסטן און טראכטן אויפן חורבן, און ווי אזוי מיר קענען צוריק ברענגען דעם בית המקדש.

אויף תשעה באב פאסטן אינגעלעך און מיידעלעך עלטער פון בר און בת מצוה פון מוצאי שבת ביז זונטיק ביינאכט. מען וואשט זיך ניט און מען שמירט זיך ניט און מען טראגט ניט לעדערנע שיך. מען לערנט אויך ניט תורה ווייל תורה ברענגט שמחה.

בעיקר בעטן מיר ביים אויבערשטן אז מיר זאלן שוין ניט וויסן פון גלות און צרות און מיר זאלן שוין האבן די גאולה האמיתית והשלימה נאו!!!

## תשעה באב און אידישע קינדער

אין גמרא און מדרשים ווערט געברענגט פילע סיבות צוליב וועלכע ס'איז געווען דער חורבן פון בית המקדש און ירושלים. איז פארשטאנדיק אז יעדער סיבה פאר זיך איז גענוג אויף צו ברענגען דעם חורבן.

איינע פון די סיבות וואס מ'רעכנט אויס האט א ספעציעלע פארבינדונג מיט אידישע קינדער - די גמרא זאגט אז די סיבה פון דעם חורבן איז, "**בשביל שביטלו בה תינוקות של בית רבן**": דערפאר וואס מ'האט מבטל געווען אידישע קינדער פון לימוד התורה.

דאס אונטערשטרייכט די העכסטע וויכטיקייט וואס איז דא אין דעם לימוד התורה פון אידישע קינדער, און אין זייער קיום המצוות (ווארום ס'איז דאך "גדול תלמוד שמביא לידי מעשה") - וויבאלד אז אין דעם הענגט אפ דער צושטאנד פון די קינדער, פון זייערע עלטערן, פון זייער גאנצער שטאט, ביז - דער צושטאנד פון דעם גאנצן אידישן פאלק,

ביז אז פון דעם הענגט אפ אז עס זאל צוריק אויפגעבויט ווערן דער בית המקדש, און ס'זאל קומען די גאולה השלימה!

און טראץ דעם וואס דאס הענגט אפ פון די עלטערן פון די קינדער– די עלטערן דארפן ברענגען די קינדער אין אן ארט וואו מ'וועט מיט זיי לערנען תורה און אידישקייט, און אזוי אויך הענגט דאס אפ פון די מלמדים, מורים ומדריכים פון די קינדער,

איז דאך אבער דער עיקר (ניט דאס וואס הענגט אפ פון די עלטערן, און פון די מלמדים מורים ומדריכים, נאר ) דאס וואס עס הענגט אפ פון די **קינדער אליין**: אז דער קינד זאל לערנען תורה, און לערנען מיט ווארעמקייט, לעבעדיקייט און פרייליכקייט, וואס דעמאלט לערנט ער מיט מער הצלחה.

וואס דורך דעם פארשנעלערט מען דעם סיום הגלות, אז מ'זאל ארויסגיין פון דעם תענית (פון תשעה באב), און אריינגיין אין די קומענדיקע טעג, וואס ווערן אנגערופן טעג פון "**נחמתא**", טרייסט –טעג - וויבאלד אז יעדערער גרייט זיך צו און טוט אלץ וואס

*(המשך אין עמוד 3)*

*(המשך לעבען מיט דער צייט)*

א איד האלט זיך אן אין תורה באקומט ער אלע נויטיקע כוחות צו אנפירן זיין לעבן, פונקט ווי דער אויבערשטער האט געפונען דעם וועג צו געבן משה'ן די נויטיקע הילף (דורך די שרי אלפים כו') צו קענען אנפירן מיטן אידישן פאלק.

עס שטייט אין מדרש, אז ווען אידן וואלטן זוכה זיין וואלטן זיי נאר געדארפט לייענען אין תורה "איכה אשא לבדי", נאר וויבאלד מען האט ניט זוכה געווען לייענט מען (תשעה באב) "איכה ישבה בדד".

דערפון פארשטייט מען אז בשעת אידן זיינען מקיים וואס שטייט אין תורה "איכה אשא לבדי" איז דאס מבטל דעם גלות, דעם זאגן "איכה ישבה בדד".

דאס מיינט: בשעת א איד פירט אן מיט זיין לעבן און מיט די לעבנס פון די אידן וואס געפינען זיך ארום אים, אין דעם גייסט פון תורה, אט ווי משה רבינו האט אנגעפירט מיט אידן - איז ער דערמיט מבטל דעם גאנצן ענין פון גלות און חורבן בית המקדש, ובמילא דארף מען ניט זאגן "איכה ישבה בדד", ווייל מען האט די גאולה האמיתית ושלימה דורך משיח צדקנו.

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער - שיחת ג' מנחם אב תשמ"א)*

# דערציילט מיר א מעשה



זונטיק צופרי. די רייע צו גיין פארן רבי'ן און באקומען א ברכה איז גאר גרויס. אלע מענטשן, חסידים און אידן וואס רופן זיך נאך ניט חסידים, ווארטן צו דעם זכות פון באקומען א דאלער פון דעם רבי'נס הייליקן האנט.

"אנטשולדיק מיר," זאגט א מענטש צו דער חסיד וואס איז געשטאנען פאר אים אין די שורה. "דאס איז די ערשטע מאל וואס איך בין דא, און איך ווייס ניט פונקט וויאזוי בעטן דעם רבי'ן פאר א ברכה. איך האב א פראבלעם מיט די אויפפירונג פון מיין יונגסטע זון. און איך וואלט געוואלט בעטן אויף דעם א ברכה."

קענסטו מיר העלפן צו געפונען די ריכטיקע ווערטער צו זאגן וואס איך וויל זאגן רבי'ן, און ניט נעמען פון אים צו פיל צייט?"

דער חסיד האט געטראכט און האט געזאגט "איך זעה אז דו פארשטייסט ווי פארנומען דער רבי איז. באמת איז עס בעסער אז דו זאלסט גאר ניט זאגן. ווען דער רבי זאגט 'ברכה והצלה', גיט ער א ברכה אויף אלס."

דער מענטש האט פארשטאנען און האט באשלאסן גאר ניט זאגן צום רבי'ן. ווען דער רבי האט אים געזאגט "ברכה והצלחה" האט ער געפילט אז דאס איז באמת זיין ברכה.

ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון רבי'ן אבער, האט דער רבי אים צוריקגערופן. דער רבי האט אים געגעבן נאך א דאלער. "דאס איז פאר דיין זון." האט דער רבי געזאגט.

*קינדער, דער רבי ווייסט פונקט וואס יעדער פון אונז דארף, אפילו פאר מיר פרעגן. און דער רבי זוכט אלעמאל גיבן ברכות אויף אלע אידן –און בפרט אויף זיינע טייערע חסידים און שלוחים!*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

*(המשך דעם אידיש׳ן לוח)*

העגנט אפ פון אים אויף צו מקרב זיין די גאולה, דורך לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות.

אין צוזאמענהאנג דערמיט וויל איך דערמאנען,דאס וואס מ׳האט שוין אמאל גערעדט,

אז יעדער קינד (סיי אינגעלע און סיי מיידעלע) זאל האבן אן אייגענעם סידור, וואס אין צוגאב צו די תפילות וואס זיינען דא אין דעם סידור, זיינען דארטן אויך דא ענינים פון תורה: און אויך האבן אן אייגענע צדקה פושקע.

וואס דורך די צוויי זאכן, לימוד **התורה** [וואס דאס איז פארבונדן מיטן סידור, וויבאלד אז דארטן זיינען דא ענינים פון תורה], און קיום מצות **הצדקה** - (וואס איז איינע פון די הויפט מצוות) - שוואכט מען אפ די סיבה וועלכע האט געבראכט צום תענית פון תשעה באב - ווי עס שטייט "ציון **במשפט** תפדה ושבי׳ **בצדקה**" (אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן דורך "משפט" (**תורה**) און "**צדקה**") - און מ׳גייט אריין אין די טעג פון "נחמתא", די טרייסט–טעג, וועלכע קומען גלייך נאך דעם.

ווארום, ווי געזאגט: אין גאר א גרויסער מאס העגנט דאס אפ פון יעדן אידישן קינד פון אלע אידישע קינדער, סיי אינגעלעך און סיי מיידעלעך -

דורך דעם וואס זיי וועלן לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, מיט א לעבעדיקייט און מיט א פרייליכקייט,

ביז אז זיי וועלן אויך ווירקן אויף אלע זייערע חברים און חבר׳טעם אז זיי זאלן זיך אויך פירן אזוי - לויט דעם אנזאג פון "**ואהבת לרעך כמוך**".

*(פון דער רבי׳ רעדט צו קינדער - שיחת י״א מנחם אב תשל״ח)*

# האסטו געוועסט?

## שבת חזון

פרשת דברים לייענט מען אלע מאל אין דעם שבת פאר תשעה באב. די שבת איז אויך אנגערופט "שבת חזון", ווייל די הפטרה וואס מען לייענט פאנגט אן מיט די ווערטער "חזון ישעי׳הו". חזון איז פון לשון "מחזה". ר׳ לוי יצחק מבארדיטשוב איז מבאר אז אין דעם שבת באוויזט מען - אין א מחזה – די בית המקדש השלישי. די מחזה פון בית המקדש וועט אונז העלפן צו (אויס)פירן זיך ווי די אידן אין דעם מדבר. מיר וועלן צוגרייטן די וועלט פאר משיחן– דאן וועלן מיר אלע גייען צו ארץ ישראל.



## פרקי אבות
## פרק שלישי

# תשעה באב

<u>אויף תשעה באב מיר:</u>

- ✓ טראגן ניט קיין לעדערנע שיך.
- ✓ זיצן אויף נידעריגע בײַנקאַלעך.
- ✓ גייען צו שול אויף הערן ווי מ׳לייענט איכה.
- ✓ וואשן נאר א האלבע האנט (אויף נטילת ידים).
- ✓ זאגן ניט די ברכה "שעשה לי כל צרכי".
- ✓ זאגן "נחם" אין דער ברכה פון בונה ירושלים ביי שמונה עשרה פון מנחה.
- ✓ אינגעלעך - מאכן ניט די ברכה אויף אונטער ציצית ביי שחרית נאר ביי מנחה.

ווען תשעה באב פאלט אויס זונטיק – זאגט מען ניט די גאנצע הבדלה אויף מוצאי שבת, נאר די ברכה בורא מאורי האש אויף די ליכטל. און די ברכה פון הבדלה און בורא מיני בשמים זאגן מיר זונטיק בייַנאכט (מוצאי תשעה באב). ווייבער וואס דאווענען ניט מעריב זאלן זאגן "ברוך המבדיל בין קודש לחול" אויף מוצאי שבת אידער זיי גייען טאן ארבעט.

# דעם חסידישן לוח



## ה׳ מנחם אב

### יארצייט פון דעם הייליקן האריז״ל

ה׳ מנחם אב איז דער יום הילולא פון דעם אריז״ל הקדוש.

בשעת מ׳דערמאנט זיך אויף א צדיק, איז דאס ניט נאר כדי סתם זיך דערמאנען אויף אים - נאר אויך אויף אפלערנען זיך פון זיינע וועגן, אויף וויפל מ׳קען נאכפאלגן זיינע וועגן לויט אונזערע כוחות.

–און זיכער האבן אלע אידן, אפילו אידישע קינדער, די אלע כוחות וואס זיינען נויטיק אויף צו אפלערנען זיך פון די הויפט– זאכן פון די אויפפירונגען פון דעם אריז״ל. און בפרט נאך דעם ווי דער אריז״ל האט געזאגט אז "מותר ומצוה לגלות זאת החכמה": מען מעג און ס׳איז גאר א מצוה צו לערנען און פארשפרייטן רזי תורה, די סודות פון תורה.

עס ווערט געבראכט אז דער אריז״ל האט זוכה געווען צו "רוח הקודש" דורך דעם וואס "שמח מאד בעשיית המצוות": ער האט געהאט א גרויסע אומגעהויערע שמחה בשעת ער האט מקיים געווען יעדער מצוה. און דערפאר איז פארשטאנדיק, אז שמחה איז איינע פון די הויפט זאכן אין דער אויפפירונג פון אריז״ל.

*(גענומען פון דער רבי׳ רעדט צו קינדער)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, י"ב אב, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

# שאלות—פרשת דברים

א. ווער איז נפטר געווארן ה' מנחם אב?______________________________

ב. וואס קענען מיר לערנען פון אים?______________________________

______________________________

ג. וואס איז געשען תשעה באב?______________________________

______________________________

ד. וואס איז איינע פון די סיבות פון די חורבן?______________________________

______________________________

ה. וואס טוען אינגעלעך און מיידעלעך עלטער פאר בר-בת מצוה תשעה באב?__________

______________________________

ו. וואס טוען ניט מיידעלעך און אינגעלעך אפילו יינגער פון בר-בת מצוה?__________

______________________________

ז. וואס האבן די כהנים געדארפט טאן פאר זיי האבן אנגעהויבן די עבודה אין מקדש?__

______________________________

ח. וויפיל וואסער האט געדארפט זיין אין כיור?______________________________

ט. וואס זאגט דער רבי אז יעדער קינד זאל האבן אין צימער?______________________

י. וואס קענען מיר טאן צוריק אויפבויען דעם בית המקדש?______________________

______________________________

דער געווינער פון פרשת מסעי: **דניא-ל נמדר, 11**

נאמען: ______________________ ווי אלט: _____

אדרעס:______________________________

אי-מייעל: ______________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org